**גוט שבת אלע אידן.** רב דוד ארדמאן (זיין עכטער נאמען) איז א רעדנער פאר דעם באקאנטען מוסד "עֲרכים," א מוסד וואס האט מחזיר בתשובה געווען טויזנטע אידישע נשמות דורך די לעצטע בערך 20 יאר. רב ארדמאן פארט ארום די אידישע וועלט רעדן מיט פרייע אידן. פארשטייט זיך אז ער האט א געוואלדיגע כח הדיבור, און ער נוצט די כח צו קענען מסביר זיין דעם קלוגשאפט און דעם שיינקייט פון א תורה'דיגע לעבן. דורך די יארן האט רב ארדמאן געהערט אסאך מוראדיגע מעשיות פון אידן וואס זענען צוריקגעקומען צום אידישקייט. די פאלגענדע מעשה איז איינע פון די מערסט פלאדיגע מעשיות. עס איז גראדע אביסל א שרעקליכע מעשה, אבער, עס איז דאך אזא מוראדיגע מעשה וואס קען צוברענגען אידן צו א שטארקע הרהור תשובה, וועגן דעם איז עס כדאי צו דערציילן ברבים.

עס איז דא א דאקטאר וואס הייסט דר. בערי בראנד וואס וואוינט אין לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע. דר. בראנד איז נעבאך אויפגעוואקסן אלס פרייער איד. ער האט געוואוסט אז ער איז א איד, אבער מער ווי דעם האט ער נישט געוואוסט וועגן אידישקייט. עס איז נישט געווען זיין שולד, קיינער האט אים נישט אויסגעלערנט די אלף-בית פון אידישקייט. איין טאג, אבער האט זיך אלעס געטוישט אין זיין לעבן, נאך א שרעקעוודיקע מעשה וואס איז פאסירט ביי זיין ארבעטספלאץ.

אזוי ווי מען האט פריער דערמאנט, דער איד פון אונזער מעשה איז א דאקטאר. איין נאכט, ווען ער האט געארבעט אין אן "עמערדזשענסי רום" פון א געוויסן שפיטאל אין לאס אנדזשעלעס, איז געשען די מוראדיגע מעשה.

יענע נאכט, האט מען אריינגעברענגט אן עלטערער מענטש וואס האט געהאט ל"ע א ערנסטע הארץ אטאקע. צוקוקערס האבן דערציילט אז דער מענטש איז געגאנגען אויפן גאס ווען ער איז פלוצלינג אראפגעפאלן מיט דעם הארץ אטאקע, אויף אלע גוים געזאגט. איינער האט גערופן אן אמבולענס, אבער קיינער האט נישט געוואוסט ווער דער מענטש איז געווען.

אויפן וועג צו דעם שפיטאל האבן די פאראמעדיקס פראבירט צו ראטעווען דעם לעבן פונעם מענטש, אבער, דר. בראנד האט גלייך געזען אז עס איז געווען נעבאך צו שפעט פאר יענעם מענטש. דר. בראנד האט גארנישט געקענט טון פאר אים.

אלע אנדערע דאקטוירים און קראנקען-שוועסטער(נארסעס) זענען ארויסגעגאנגען פונעם שטוב לאזענדיק דר. בראנד אליינס מיט דעם נפטר. דר. בראנד האט שוין אראפגענומען זיינע הענטשקעס, גרייטענדיק ארויסצוגיין פונעם שטוב. דאן, פלוצלינג, איז א מוראדיגע זאך געשען: ער האט געזען אז דער מענטש האט זיך געציטערט! דר. בראנד האט גלייך אנגעהויבן צו פרובירן צו ראטעווען דעם מענטשס לעבן דורך טון סי.פי.אר, א פראצעדור וואס העלפט דעם הארץ צו קענען פאמפען נאכאמאל.

פלוצלינג, האט דער מענטש אראפגענומען דר. בראנדס מאסקע (אסאך מאל טראגן דאקטוירים א מאסקע כדי אלעס זאל זיין ריין.) דער מענטש האט געזאגט עפעס טשילערהייט, אבער דער דאקטאר האט אים נישט פארשטאנען. "וואס האסטו געזאגט?" האט דר. בראנד געפרעגט דעם מענטש מיט אן איבערראשונג.

"דו הייסט מאיר חיים?" האט דער חולה געפרעגט.

דר. בראנד האט כמעט געחלשט פון שאק. קיינער האט נישט געוואוסט זיין אידישען נאמען! דעם נאמען האט מען אים קיינמאל נישט גערופן זייט זיין ברית, אסאך יארן פריער. ווי אזוי האט דער פרעמדער מענטש געוואוסט זיין אידישען נאמען?!? דר. בראנד האט גוט געקוקט אריין אין די אויגן פון דעם מענטש, אבער ער האט אים נישט דערקענט. אפילו דער מענטש האט געקענט דר. בראנד, איז עס דאך געווען אנמעגליך אז דער מענטש זאל וויסן זיין אידישען נאמען. ווייל אפשר נאר דר. בראנד און זיינע עלטערן האבן עס געוואוסט. דר. בראנדס מוח איז געלאפן. ער האט נישט געהאט צו פיל צייט צו טראכטן, ווייל דער מצב איז געווען ערנסט. די סכנה איז נאכאלץ געווען צו גרויס צו פרעגן דעם מענטש אפילו ווי ער הייסט.

"יא... איך הייס מאיר חיים." האט דר. בראנד געענטפערט.

"האלסטו א כשרע שטוב?" האט דער מענטש געפרעגט ווייטער.

"ניין," האט דר. בראנד געענטפערט.

"דעמאלט זאלסטו אנהייבן צו האלטן א כשרע שטוב. לייגסטו תפילין?" איז געווען די נעקסטע שאלה פונעם מענטש.

"ניין, איך לייג נישט קיין תפילין." האט דר. בראנד געענטפערט. "דעמאלט זאלסטו אנהייבן!" האט דער מענטש געענדיגט זאגן, איידער ער איז נפטר געווארן. קיינער האט נישט אנטפלעקט ווער דער מענטש איז געווען.

אפאר יאר שפעטער איז דר. בראנד געקומען צו אן ערכים סעמינאר. ווען רב ארדמאן האט ערשט געטראפן דר. בראנד, האט דר. בראנד געמאכט א גוטען רושם אויף אים. רב ארדמאן האט געזען אז דר. בראנד איז א קליגער מענטש מיט א קלארן שכל. וועגן דעם, האט רב ארדמאן געגלייבט אז די מעשה איז אמת.

פארשטייט זיך אז דר. בראנד איז נתעורר געווארן צו טון תשובה. בשעת מיר ליינען די ווערט, שטייגט ער העכער און העכער אין תורה און יראת שמים.

פאר זיי זענען מיטגעפארן מיט די בני ישראל, האבן די שבטים ראובן, גד און האלב פון שבט מנשה געמאכט שטעט פאר זייערע משפחות אויפן מזרח זייט פונעם ירדן. איינע פון מנשה'ס אייניקלעך האט געהייסן "נבח." די תורה זאגט אז ער האט גערופן זיין שטאט "נבח." רש"י איז מסביר אז לויטן דקדוק פונעם פסוק זעט מען אז נבח'ס שטאט האט נישט געהאט קיין קיום. נבח האט נישט געהאט קיין קינדער, אבער ער האט געהאפט אז זיין נאמען וועט האבן א קיום דורך זיין שטאט, ד"ה זיין גשמיות. זאגט רב שמשון רפאל הירש ז"ל, אז פון דא זעט מען אז דעם עיקר חשיבות אין לעבן איז נישט די גשמיות וואס מען לאזט איבער. נאר, די עיקר אין לעבן איז תורה, מצוות, און מעשים טובים. וועגן דעם איז כדאי אריינצולייגן אלע כוחות אין רוחניות. **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)

דער יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)

מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."